# המקובלים

בימי צרה ומצוקה ירד שער כל הסחורות, וגם שער התורה, הטובה והיקרה מכל הסחורות; מכל ישיבות טשאכנובקה — עיר ואם בישראל — לא נותרו כי אם שני שרידים, רבי יעקב בעל הישיבה בעצמו, איש רם־הקומה ורך כקנה, בעל זקן יורד עד הברכים ועינים כהות ותועות; והשני למך תלמידו האהוב והחביב, נער בן שמונה־עשרה, רזה, חיוור־פנים, בעל שפתים צרובות ועינים שחורות ולוהטות. שניהם עטויים בלויי־סחבות, חזיהם גלויים וחשופים. יתר התלמידים (כעשרה במספר) נפוצו לכל עבר ולכל רוח.

כי פלאים ירדה טשאכנובקה, וגם נפש המורה ותלמידו הפליט לא תוכל להחיות.

אך רבי יעקב לא יוכל עוד לנוע על ערים אחרות, מזוקן, ותלמידו למך לא יעזוב את רבו. לו גם יתן לו איש מלוא ביתו כסף וזהב. רבי יעקב הוא שמשה של נפש למך, ואם יעזבנו העולם יחשך בעדו.

וכהתגבר צוק־העתים וטשאכנובקה נלאתה גם להחיות את שתי הנפשות האלה, נתהי מנת חלקם לחם צר ומים לחץ, ולא מדי יום ביומו. אז נועצו הרבי ותלמידו: כדת מה לעשות לרעב המר והנמהר והמציק, ניחקרו נידרשו ניחליטו: לעסוק בקבלה העיונית והמעשית. ניעשו כן, ניהיו להם הצומות למקור ברכה!

אל שערי הקבלה המעשית לא באו עוד, אך העיונית באה בקרבם כמים, שמלוא כל טשאכנובקה כבודם, ולעצמותיהם היבשות כשמן היתה. שני המקובלים, הרב והתלמיד, כבר נחלו שם בכל העיר ובנותיה, וכל באי שעריה של טשאכנובקה חכו בכליון עינים עד בוא הקץ! לא קצו של משיח, בן דוד יבוא מעצמו, מחר, ובשביל זה לא ירים איש בטשכנובקה יד או רגל, — אך קצה של הקבלה העיונית, שהיא התחלת המעשית, ואז יהיו נפלאות ונצורות וגדולות, ככל אשר חזו בני דורו של ר׳ ליב שרה׳ס...

עתה, בזמן הצהרים, אין איש בבית־המדרש הקטן, מלבד הרב ותלמידו. יושבים הם אל השולחן הגדול, הרב מדבר והתלמיד שומע בכל נפש ולב וראשו נשען על כפות ידיו.

— אך בזה — אומר הרב — ישנן בחינות ומדרגות רבות. יש יודע חלק קטן מן הניגון, יש יודע את מקצתו, יש יודע חציו, ויש היודע את כולו וגם ישית עליו נוספות! רבינו ז״ל (שניהם חסידי חב״ד) זכה למקצתו... לחלק קטן כזה (ואת החלק מדד במידת אצבעו) —

עצבת נוראה נפלה על פני התלמיד, והרב הוסיף:

— גם הניגונים שונים הם. יש ניגון הצריך למילין, זוהי מדרגה נמוכה מאד; ויש ניגון נעלה עליו, ניגון עולה בלי מילין, ניגון בפני עצמו... אבל הניגון הזה עוד לא טהור הוא מחלאות הגשמיות, כי הוא נצרך עוד לקול, לשפתים! והשפתים והקול גשמיות המה!

— אבל הניגון האמיתי, הרוחני הטהור (מבלי דעת החל הרב לשורר את דבריו בנעימות) הניגון האמיתי הוא בלי קול, בלי אומר ודברים, הוא ניגון טמיר ונעלם. הניגון אשר ישורר הלב ואינו נשמע לאוזן, וזהו סוד ״כל עצמותי תאמרנה״!

— אז ירננו העצמות והלב. השינים דא לדא נקשן מרעד התלהבות. הניגון הזה אין לו התחלה וסוף והוא בבהינת ״אש תמיד תוקד״...

את הלקח הזה הפסיק נער, אשר פתח את הדלת ברעש ובשאון ניעמיד על השולחן לפני הרב קערה מלאה מרק־תפוחי־אדמה ופת לחם, בקראו:

— ר׳ שלמה הנגיד שולח בשביל הרב — ניעלם, בהוסיפו: — אחרי כן אבוא לקחת את הקערה!

ר׳ יעקב קם ממושבו ניקרב לאט־לאט אל הכיור ליטול ידיו.

— אבל — דבר בלכתו, ועיני התלמיד ואזניו רודפות אחריו בתשוקה נמרצה להשיג כל הגה וכל דבור קל — אבל... אני לא אוכל גם להשיג את הניגון הקדוש הזה, באיזו בחינה הוא, באיזה שער? את הסיגופים והצירופים אני יודע...

הרב הפסיק בנטילת ידים ובברכת ״שאו ידיכם״, ניֵשב אל השולחן. אחרי ברכת המוציא הניף בידים רזות ורועדות את הקערה אל חטמו, לשאוף אל קרבו את ריח המנחה.

# מקובלים

אין די שלעכטע צייטן פאַלט אַפילו תורה — די בעסטע סחורה — אויך.

פון דער לאַשטשיוער ישיבה איז מער נישט געבליבן נאָר דער ראש־ישיבה, ר׳ יעקל, מיט איין־איינציקן תלמיד.

דער ראש־ישיבה איז אַן אַלטער דאַרער ייִד מיט אַ לאַנגער צעשויבערטער באָרד, מיט אַלטע אויסגעלאָשענע אויגן. למך, זיין געליבטער תלמיד, איז אַ יונגער מאַן, אויך אַ דאַרער, אַ הויכער, אַ בלאַסער, מיט שוואַרצע געקרייזלטע פאות, ברענענדיקע, שוואַרצע, אונטערגעשלאָגענע אויגן, פאַרברענטע ליפּן און אַ ציטעריקן שפּיציגן גאָרגל. ביידע — מיט אויפגעכראַשעטע [1] הערצער, אַן העמדער, ביידע אין לאַכעס. דער ראש־ישיבה שלעפּט קוים נאָך אַ פּאָר פּויערישע שטיוול. דעם תלמיד, אָן זאָקן, פאַלן די שוסטערשיך אַראָפּ פון די פיס.

דאָס איז געבליבן פון דער באַרימטער ישיבה!

דאָס פאַראָרעמטע שטעטל האָט אַלע מאָל ווייניקער געשיקט עסן, געגעבן טעג; זיינען זיך די אָרעמע בחורים צעקראָכן. ר׳ יעקל אָבער וויל שוין דאָ שטאַרבן, און זיין תלמיד — לייגן אים די שער־בלעך אויף די אויגן.

און זיי ביידע ליידן אויך אַ מאָל הונגער. פון ווייניק עסן קומט ווייניק שלאָפן; פון גאַנצע נעכט נישט שלאָפן און נישט עסן — אַ חשק צו קבלה!

ממה נפשך — דאַרף מען אויף זיין גאַנצע נעכט און הונגערן גאַנצע טעג — לאָז מען כאָטש הערפון אַ נוצן האָבן, זאָלן כאָטש זיין תעניתים מיט סגופים [2], זאָלן זיך כאָטש עפענען אַלע טויערן פון דער וועלט מיט סודות, רוחות און מלאָכים...

און זיי לערנען שוין קבלה אַ צייט!

ציגד זיצן זיי ביים לאַנגן טיש, איינע אַליין. ביי יעדן איז אַצינד נאָך מיטאָג; ביי זיי איז נאָך פאַר פרישטיק. זיי זיינען דאָך געוווינט דערצו. דער ראש־ישיבה פאַרגלייזט די אויגן און רעדט; דער תלמיד זיצט אונטערגעשפּאַרט אויף ביידע הענט מיטן קאָפּ און הערט.

— אין דעם זיינען דאָ — זאָגט דער ראש־ישיבה — אַ סך בחינות: איינער קאָן אַ שטיקל, איינער אַ האַלבן, איינער אַ גאַנצן ניגון. דער רבי ז״ל האָט געקענט אַ גאַנצן ניגון, אַפילו מיט אַ צו־שפּיל — איך (האָט ער צוגעגעבן טרויעריק) האָב קוים די זכיה צו אַ פּיצעלע, אָט אַזוי גרויס...

ער האָט אָפּגעמאָסטן אַ פּיצל פון דאַרן פינגער און האָט ווייטער געצויגן:

— עס איז פאַראַנען אַ ניגון, וואָס מוז האָבן ווערטער: דאָס איז גאָר אַ נידעריקע בחינה... עס איז פאַראַנען אַ העכערע בחינה: אַ ניגון וואָס זינגט זיך אַליין, גאָר אָן ווערטער — אַ ריינער ניגון! נאָר דער ניגון דאַרף נאָך האָבן אַ קול... און ליפּן דורך וועלכע דאָס גייט־אַרויס. און ליפּן — פאַרשטייסט דו — זיינען דאָך גשמיות! און דאָס קול אַפילו, עס איז אַן אידעלע גשמיות, גשמיות איז עס!

לאָז זיין, אַז דאָס קול שטייט אויף דער גרענעץ צווישן רוחניות און גשמיות. נאָר סיי ווי סיי דער ניגון, וואָס הערט זיך מיט אַ קול, וואָס הענגט־אָפּ פון די ליפּן, איז נאָך נישט ריין, נאָך נישט אין גאַנצן ריין... נאָך נישט קיין אמתע רוחניות!...

דער אמתער ניגון אָבער זינגט זיך גאָר אָן אַ קול... עס זינגט זיך אינעווייניק, אין האַרץ, אין די געדערעם!

אָט, דאָס איז דער סוד פון דוד המלכס ווערטער „כל עצמותי תאמרנה״... אינעם מאַרך פון די ביינער דאַרף זינגען, דאָרט דאַרף זיין דער ניגון — דער העכסטער שבח פאַר גאָט ברוך הוא. דאָס איז נישט דער ניגון פון אַ בשר־ודם, דאָס איז נישט קיין אויסגעטראַכ־טער ניגון! דאָס איז שוין אַ חלק פון ניגון, מיט וועלכן גאָט האָט די וועלט באַשאַפן; פון דער נשמה, וואָס ער האָט אַריינגעגאָסן אין איר.

און אַזוי זינגט די פמליא של מעלה [3]. אַזוי האָט געזונגען דער ייִד, זכרונו לברכה.

דעם לימוד האָט איבערגעהאַקט אַ צעשויבערטער יונג מיט אַ שטריק אַרום די לענדן, אַ טרעגער. ער איז אַריינגעקומען אין בית־המדרש, אַנידערגעשטעלט אַ שיסל גריץ מיט אַ שטיקל ברויט אויפן טיש נעבן ראש־ישיבה און מיט אַ גראָב קול געזאָגט: — „ר׳ טעבל שיקט דעם ראש־ישיבה עסן!״, און האָט זיך איבערגעדרייט, און אַרויסגייענדיק צוגעגעבן: „שפּעטער וועל איך קומען נאָך דער שיסל!״

אַרויס דורך דעם גראָבן טרעגער־קול פון דער געטלעכער האַר־מאָניע, האָט זיך דער ראש־ישיבה שווער אויפגעהויבן און איז, נאָכ־שלעפנדיק די גרויסע שטיוול, צוגעגאַנגען צום כיור זיך וואַשן.

גייענדיק האָט ער ווייטער גערעדט, נאָר מיט ווייניקער התלהבות, און דער תלמיד האָט אים פון זיין אָרט נאָכגעיאָגט מיט די אויפ־געשפּיצטע אויערן און ברענענדיקע פאַרחלומטע אויגן.

— דערנאָך איז מיר געוואָרן פֿון דעם ליכט אַזוי גוט, אַזוי לײַכט... עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך וועג גאָר נישט, אַז מײַן גוף האָט די וואָג פֿאַרלוירן, אַז איך קאָן פֿליִען...

— אָט! אָט!

— דערנאָך בין איך געוואָרן לוסטיק, לעבעדיק, לאַכנדיק... דאָס פּנים האָט זיך מיר נישט גערירט, די ליפּן אויך נישט, און איך האָב דאָך געלאַכט... און אַזוי גוט, אַזוי האַרציק, אַזוי נחתדיק געלאַכט!

— אָט! אָט! אָט! — מתּוך שׂמחה!

— דערנאָך האָט עפּעס אין מיר געברומט, ווי אַן אָנהייב פֿון אַ ניגון געברומט.

דער ראָש־ישיבֿה איז אַראָפּגעשפּרונגען פֿון זײַן באַנק און איז מיט אַ מאָל געווען בײַם תּלמיד:

— נו... נו!

— דערנאָך האָב איך געהערט, ווי עס האָט אין מיר אָנגעהויבן זינגען!

— וואָס האָסט דו געפֿילט? וואָס? וואָס? זאָג!

— איך האָב געפֿילט, אַז אַלע חושים זײַנען מיר פֿאַרשטאָפּט און פֿאַרמאַכט, און עפּעס אינעווייניק זינגט... און אַזוי ווי מען דאַרף — נאָר אָן ווערטער, אָט אַזוי...

— ווי אַזוי? ווי אַזוי?!

— ניין, איך קאָן נישט... פֿריִער האָב איך געוווּסט... דערנאָך איז פֿונעם זינגען געוואָרן... געוואָרן...

— וואָס איז געוואָרן — וואָס?...

— אַ מין שפּילן... גלײַך, להבֿדיל, איך וואָלט אינעווייניק אין מיר אַ פֿידל געהאַט אָדער גלײַך יונה כּלי־זמר זאָל אין מיר זיצן און שפּילן זמירות, ווי בײַם רבין צו טיש! נאָר עס האָט געשפּילט נאָך בעסער, נאָך איידעלער, מיט נאָך מער רוחניות! און אַלץ אָן אַ קול, אָן אַ שום קול — סאַמע רוחניות!...

— וווּיל איז דיר! וווּיל איז דיר! וווּיל איז דיר!

— ציינד איז אַלץ אַוועק! — מאַכט טרויעריק דער תּלמיד, — עס האָבן זיך מיר צוריק געעפֿנט די חושים און איך בין אַזוי מיד, אַזוי מיד, אַ־זוי מי־ד!... אַז איך...

— רבי! — האָט ער ראַפּטעם אַ געשריי געטאָן, זיך אָנכאַפּנדיק בײַם האַרץ — רבי! זאָגט מיט מיר ווידוי! מען איז געקומען נאָך מיר!... עס האָט דאָרט אין פּמליא של מעלה אַ זינגערל פֿאַרפֿעלט! אַ מלאך מיט ווײַסע פֿליגל!... רבי! רבי! שמע ישׂראל! שמעעע... ישׂ...

*

דאָס גאַנצע שטעטל, ווי איין מענטש, האָט זיך געווּנטשן אַזאַ טויט. נאָר פֿאַרן ראָש־ישיבֿה איז נאָך ווייניק.

— נאָך אַ פּאָר תּעניתים — קרעכצט ער — וואָלט ער שוין געשטאָרבן בנשיקה[10]!

1894

---

[1] צעשפּיליעטע, אָפּגעדעקטע (אין אומאָרדענונג, צעקאָכט).

[2] פּייניקונגען, מיט וואָס מקובלים האָבן זיך באַנוצט, אויף צו דערנענטערן זיך צו גאָט, צו שלימות („בסיגוף ובתעניות וביסורין”, קבלת רבה, ג').

[3] אייבערשטע סוויטע, דעם רבונו של עולמס באַגלייטערס. — [4] טויער (פֿון הימל).

[5] הויך, וואָלקן. — [6] הויליע אַסלעס. — [7] הייטל.

[8] אַ געדאַנק אַרויסגעשווומען.

[9] מיסטישע קאָמבינאַציעס פֿון אותיות, ווערטער, מיט דער כּוונה צו דערגיין די געטלעכע סודות פֿון דער וועלט, וואָס מ'קען מיטן פּשוטן שׂכל נישט באַנעמען.

[10] (זיסער טויט) מיט אַ קוש, אַ זכיה ביי גאָט, ווי אַ שׂכר פֿאַר אַ דערהויבן לעבן.